# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת משפטים, שבת מברכים אדר-א', כ"ז שבט, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 21 (381)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**4:58**
מוצאי שב"ק....................**6:27**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................משלי י"ג-י"ד
בבלי.........................חולין ס"ז
ירושלמי.................כלאים מ"ג
תוספתא.................נדה פרק ו'
רמב"ם........תמידין ומוספין א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**מְעַט מְעַט אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ.** צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועל אִיךְ פַאַרְטְרַייבְּן דִי גוֹיִם פַאר אַייךְ, בִּיז אִיר וֶועט זִיךְ פַאַרְמֶערְן אוּן יַרְשְׁ'עֶנֶען דָאס לַאנְד.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ו) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב, יג) **וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵל אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים**, זָאגְט דֶער רֶבִּי אוֹיף דֶעם, אַז וֶוען אַ אִיד בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶפֶּעס, טָאר עֶר זִיךְ עַקְשְׁ'עֶנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז דַוְקָא טוּן וָואס עֶר בֶּעט. עֶר זָאל נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וִויל, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר וַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, אוּן זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, **מְעַט מְעַט אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ**, אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל אוֹיסְפִירְן מוּז גֵיין צוּבִּיסְלֶעךְ מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת, **עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ**, אוּן דַאן וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

(זֹאת הַתּוֹרָה מִשְׁפָּטִים ז)

***

**אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ**, מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) **אַז אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיטְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג. אוּן דֶערְפַאר, בַּיינַאכְט פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, דַארְף מֶען אִיבֶּערְגֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוּן אוֹיב עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען גְלַייךְ תְּשׁוּבָה טוּן נָאךְ אִין זֶעלְבְּן טָאג, נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ**, אוֹיב דוּ הָאסְט הַיינְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דַיין נְשָׁמָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן. **עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ**, נָאךְ פַאר דִי זוּן גֵייט אוּנְטֶער זָאלְסְטוּ עֶס צוּרִיק גֶעבְּן. דָאס מֵיינְט, דוּ זָאלְסְט נָאךְ אִין יֶענֶעם טָאג תְּשׁוּבָה טוּן. **כִּי הִוא כְסוּתוֹ לְבַדָּהּ הִוא שִׂמְלָתוֹ לְעֹרוֹ בַּמֶּה יִשְׁכָּב**, וַוייל דוּ דַארְפְסְט גֶעדֶענְקְן אַז נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר דַיין תּוֹרָה, דַיין תְּפִלָּה, דַיין עֲבוֹדַת ה'. אוּן אֲפִילוּ אוֹיב מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וואויל, אֲפִילוּ מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת, אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט דֶערְנָאךְ, מֶען קֶען נָאךְ אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּהן, **וְהָיָה כִּי יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי כִּי חַנּוּן אָנִי**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, עֶר הֶערְט אִים אוֹיס, אוּן עֶר אִיז אִים מוֹחֵל.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית מִשְׁפָּטִים, תש"ע לפ"ק)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### הֶעכֶער פוּן אַ בְּהֵמָה

מִיט וָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ הֶעכֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן אַ בְּהֵמָה? דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ מַעְלָה הֶעכֶער וַוייל עֶר אִיז "מְדַבֵּר" - עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ הַדִיבּוּר, עֶר קֶען רֶעדְן. אַ מַתָּנָה מִיט וָואס אַנְדֶערֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן זֶענֶען נִישְׁט בַּאשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, ז) "וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה" טַייטְשְׁט דֶער תַּרְגוּם "לְרוּחַ מְמַלְלָא", עֶס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶר סָארְט בַּאשֶׁעפֶענִישׁ וָואס קֶען רֶעדְן.

אוֹיב אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טַאקֶע דָאס אַז עֶר קֶען רֶעדְן, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זֶען צוּ נוּצְן דִי טֵייעֶרֶע מַתָּנָה אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן אוֹפָן. צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן מוֹיל נָאר גוּטֶע זַאכְן, צוּ נוּצְן דִי מוֹיל צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ נוּצְן דֶעם מוֹיל צוּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִין סג:): אֵיינֶע פוּן דִי טָמֵא'נֶע פֵייגְלֶעךְ אִיז דֶער **'אַיָּה'** וָואס מֶען רוּפְט **'רָאָה'**, פַארְוָואס רוּפְט מֶען אִיר מִיטְ'ן נָאמֶען 'רָאָה'? וַוייל זִי זֶעט זֵייעֶר וַוייט, זִי קֶען שְׁטֵיין אִין בָּבֶל אוּן זֶען אַ נְבֵילָה בִּיז אַזוֹי וַוייט ווִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דָאס פַארְשְׁטֵייט מֶען הַיינְט צוּ טָאגְס זֵייעֶר גוּט, אַז מִיט דִי הַיינְטִיגֶע טֶעכְנֶעלָאגְיֶע קֶען מֶען שְׁטֵיין אִין אֵיין זַייט וֶועלְט אוּן זֶען אַ נְבֵילָה אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועלְט, מֶען קֶען זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין אָפִיס, צִי אִין קַאר וְכוּ' וְכוּ' מִיט אַ קְלֵיינֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן קוּקְן עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלַן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין דָאךְ מַמָּשׁ דֶער 'רָאָה', וָואס קוּקְט וואו עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אַ נְבֵילָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מִיר 'רָעָה' - אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**. אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים, גֶעבּ כָאטְשׁ אַ קְרֶעכְץ, גֶעבּ אַ שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ רֵיינֶער מֶענְטְשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' מִשְׁפָּטִים תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב





## ווי אַזוֹי הֶעלְפְט מֶען דִי וַוייבּ מִיט דִי שְׁטוּב ווירְטְשַׁאפְט?

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ וֶוער כְּסֵדֶר נִתְפָּעֵל פוּן דִי פָּשׁוּטֶע אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע מַהֲלַךְ הַמַּחֲשָׁבָה פוּן מוֹהֲרַאַ״שׁ זי״ע, אוּן וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הַאלְט זִיךְ וַוייטֶער אוֹיף דֶעם דֶרֶךְ, צוּ עֶנְטְפֶערְן מִיט אַזַא שֵׂכֶל הַיָּשָׁר.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ כְּלָלִיוּת'דִיגֶע שְׁאֵלָה אִין שְׁלוֹם בַּיִת, וָואס צוּ טוּן וֶוען דִי וַוייבּ אִיז פַּארְנוּמֶען בִּיז אִיבֶּערְ'ן קָאפּ מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט. דִי שְׁאֵלָה אִיז בְּעִיקָר נוֹגֵעַ פַאר פֶּסַח, אָבֶער אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע צַייטְן.

אִיךְ קוּם אַהֵיים אוּן אִיךְ זֶע וִוי דִי שְׁטוּב פְלִיעֶט, אוּן מַיין וַוייבּ אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט אוּן אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן בִּיז אִיבֶּערְ'ן קָאפּ, וָואס דַארְף אִיךְ דֶעמָאלְט טוּן? אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּלֵייגְן סְתַּם אַזוֹי אַ הַאנְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וואוּ זִי הַאלְט מִיט דִי זַאכְן, אוּן זִי הָאט נִישְׁט קַיין צַייט אוּן גֶעדוּלְד מִיר מַסְבִּיר צוּ זַיין וָואס מְ'דַארְף יֶעצְט טוּן; סְתַּם שְׁטֵיין אִין דִי זַייט אוּן זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן, שְׁפִּיר אִיךְ אַז סְ'טוּט אִיר זֵייעֶר וֵויי אַז זִי אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן אִיךְ רוּה זִיךְ אָפּ; אַלֵיין צוּלֵייגְן אַ הַאנְט אוּן פְּרוּבִירְן זִיךְ פָארְצוּשְׁטֶעלְן וָואס מְ'דַארְף צוּ טוּן יֶעצְט, אִיז אוֹיךְ אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ; אִיר זָאגְן "וַואהּ! דוּ אַרְבֶּעטְס אַזוֹי שְׁוֶוער!", בְּשַׁעַת דִי הוֹיז פְלִיעֶט, אִיז דָאךְ וַוייטֶער נִישְׁט קַיין אָפְּצִיֶע. אוּן אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ מוּז פָּשׁוּט זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אוֹיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן אַזוֹיוִוי אִיר, סְתַּם צוּ וַוייזְן אַז אִיךְ בִּין אִיר אוֹיף אֵיין בְּלַאט.

אִיךְ טְרַאכְט צוּמָאל אַז אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט אַמָאל מִיטְהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב ווירְטְשַׁאפְט, פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, אַזוֹי וֶועל אִיךְ ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי סְ'אַרְבֶּעט, אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען הֶעלְפְן וֶוען סְ'פֶּעלְט אוֹיס; אָבֶער אִיךְ אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אִיךְ וֶועל דָאס נִישְׁט קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז נָאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן אַ פְּרַאקְטִישֶׁע הַדְרָכָה, אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נָאכְ'ן מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם עִנְיָן.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ, אֱלִישָׁע**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבָט, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אֱלִישָׁע נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵייג אַוֶועק אַלֶע דַיינֶע נַארִישֶׁע חָכְמוֹת הַמְדוּמוֹת אוּן טוּ צוּ דִי זַאךְ; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט פַאר אַזַא בַּטְלָן, אַז דַיין וַוייבּ אִיז אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן. מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט אִיר הֶעלְפְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס; דוּ טוּסְט קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת נָאר פַאר זִיךְ. וַוייל דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ, אַ רוּאִיגֶע וַוייבּ אוּן אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ.

עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס טוּעֶן אַ גַאנְצֶע טוֹבָה מִיטְ'ן הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, נָאכְדֶעם דַארְפְן זֵיי שׁוֹין אַ בַּאלוֹינוּנְג פוּן דִי וַוייבּ פַארְן הֶעלְפְן אַבִּיסְל, זֵיי דַארְפְן שׁוֹין רְשׁוּת אַרוֹיס צוּ לוֹיפְן פוּן שְׁטוּב פַארְ'ן הֶעלְפְן אַפָּאר מִינוּט. אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן: 'דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט וָואס זִי טוּט וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעדַארְפְט טוּן, נָאר גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ וָואס הֶעלְפְט מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן דִי אַרְבֶּעט, אִיךְ דַארְף בֶּאֱמֶת טְרַאכְטְן מִיט וָואס אִיךְ קֶען בַּאלוֹינֶען מַיין וַוייבּ פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן וְכוּ''.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, לֵייג אַוֶועק דַיין פִילָאזָאפִיֶע אוּן הֶעלְף אִיר מִיט דַיין גַאנְצֶע הָארְץ; שְׁטֶעל נִישְׁט קַיין פָּנִים וִוי אַ בַּטְלָן אוּן מַאךְ עֶס נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער. עֶס אִיז שְׁוֶוער וִוי לַאנְג מֶען הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי אוּן כָּל זְמַן מֶען ווִיל שׁוֹין אַרוֹיסְלוֹיפְן וְכוּ', אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט וִוי עֶס אִיז דַיין עוֹל וֶועסְטוּ שׁוֹין פּוּנְקְטְלִיךְ ווִיסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ט, ט): "גָּדוֹל הַשָּׁלוֹם, שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה - אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא - יִמָּחֶה בַּמַּיִם כְּדֵי לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי חָשׁוּב עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי תּוֹרָה מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין הֵיילִיגְן נָאמֶען אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (וַיִּקְרָא רַבָּה, שָׁם): "רַבִּי מֵאִיר הֲוָה יָתִיב וְדָרִישׁ בְּלֵילֵי שַׁבַּתָּא, הֲוָה תַּמָּן חֲדָא אִתְּתָא יַצִּיבָא וְשָׁמְעָה לֵיהּ תָּנְתָא מִדְרָשָׁא", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי

<<<<<<

>>>>>>

רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט וָואסֶערֶע כּוֹחוֹת עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּן דוּרְךְ זַיין רֶעדְן. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אַלֶעס בְּלוֹיז מִיט זַיין מוֹיל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ מְנוֹרָה אוֹיף זַיין פָּנִים, יֶעדֶער הָאט זִיבְּן לִיכְט אוֹיף זִיךְ, דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל. אוּן דֶער אַרְבֶּעט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צוּ אָנְצִינְדֶען אוּן צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין מֹחַ אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶס וֶועט נָאר בְּרֶענֶען אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג.

מֶען דַארְף הֵיילִיגְן דִי אוֹיגְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף גוּטֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, מֶען דַארְף הֵיילִיגְן דִי אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן נָאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע זַאכְן, זִיךְ צוּצוּהֶערְן צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים לֶערְנֶען אוּנְז, אוּן נִישְׁט צוּ הֶערְן זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דַארְף מֶען הֵיילִיגְן דִי נָאז לֶעכֶער, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף סַבְלָנוּת, אַז מֶען זָאל הָאבְּן "אֲרִיכַת אַפַּיִם" אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעוָואלְט. אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט דִי מוֹיל, צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן דִי מוֹיל אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעס אוּן דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ אַלֶעס, מִיט דִי מוֹיל קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט אוּן זֶעט דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז אוּן מוֹיל, קֶען עֶר וֶוערְן צוּפַאלְן, עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר גוּטֶע אוּן ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, אָבֶער וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה דֶערְצוּ?

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אָבֶער דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינְמָאל אִין נָאכְאַמָאל בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר ח, ב) "אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת" - אַלֶע לִיכְט פוּן דִי מְנוֹרָה דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מִיטֶעלְסְטֶע. דַארְף מֶען לִכְאוֹרָה פַארְשְׁטֵיין, אַז דִי מִיטֶעלְסְטֶע לִיכְט אִיז דָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען אִינְמִיטְן גְלַייךְ, אוּן דִי אַנְדֶערֶע זֶעקְס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעבּוֹיגְן צוּ אִים, וָואלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "יָאִירוּ שֵׁשֶׁת הַנֵּרוֹת", נָאר זֶעקְס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעבּוֹיגְן?

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז דִי זִיבֶּעטֶע לִיכְט אִיז קֶעגְן דִי מוֹיל, אַלֶע זִיבְּן לִיכְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין קָאפּ, דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זֵיי צוּקוּמֶען צוּ דִי מוֹיל, פַאר דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אוֹיף דִי מוֹיל אַלֵיין דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל עֶס נוּצְן נָאר צוּ גוּטְן, מֶען זָאל נוּצְן דִי מוֹיל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי אוֹיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט חַ"ו פַארְקֶערְט צוּ רֶעדְן נַארִישְׁקַייטְן אוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואסֶערֶע גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת עֶס לִיגְט אִין דִי מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וָואס וֶוען מֶען נוּצְט דָאס אוֹיס וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, קֶען מֶען דוּרְךְ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') אַז עֶס זֶענֶען דָא פִיר סָארְטְן ווֶערְטֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן, אוּן מִיט דֶעם אוֹיסְנוּצְן דִי מוֹיל דָאס בֶּעסְטֶע. דִי פִיר סָארְטְן זֶענֶען: "דִיבּוּר שֶׁל תְּשׁוּבָה", "דִיבּוּר שֶׁל עֲשִׁירוּת", "דִיבּוּר שֶׁל מַלְכוּת", אוּן "דִיבּוּר שֶׁל צְדָקָה". לָאמִיר דוּרְכְגֵיין דִי פִיר סָארְטְן דִיבּוּרִים אוּן זֶען וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זֵיי נוּצְן.

דִיבּוּר שֶׁל תְּשׁוּבָה - אַ אִיד דַארְף

<<<<<<

> **מְ'קֶען אַמָאל מִיט אֵיין גוּט וָוארְט מַמָּשׁ רַאטֶעוֶועז יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן**

זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ נָאנְטֶער פְרַיינְד. חַזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה לח, ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט נִישְׁט פוּן אַ מֶענְטְשׁ נָאר אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּ אִים. וַוייל אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אִים, דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶוערְן גוּט אוּן וואוֹיל, עֶר וֶועט שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַן עֶרְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן.

דִיבּוּר שֶׁל עֲשִׁירוּת - אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן פָּאזִיטִיוו, צוּ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג. שְׁטֶענְדִיג צוּ זָאגְן אַז אַלֶעס גֵייט אִים גוּט בָּרוּךְ ה', אוּן נִישְׁט זִיךְ זוּכְן אָפְּצוּרֶעדְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס גֵייעֶן אִים נִישְׁט גוּט. דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין אָבוֹת (פֶּרֶק ד') "אֵיזוֹהִי עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ" - אַן עוֹשֶׁר אִיז אֵיינֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס עֶר הָאט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אִים הָאט אַ פוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן אַז אַזוֹי הָאט עֶס גֶעדַארְפְט זַיין אוּן נָאר אַזוֹי אִיז גוּט פַאר אִים, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט זוּכְן זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן, נָאר וֶוען אֵיינֶער וֶועט אִים פְרֶעגְן וָואס עֶר מַאכְט, וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן: "גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַלֶעס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט". אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט אַז אַלֶעס אִיז אִים גוּט, דַאן וֶועט עֶס טַאקֶע וֶוערְן אַזוֹי אַז אַלֶעס וֶועט אִים זַיין גוּט.

דִיבּוּר שֶׁל מַלְכוּת - דָאס זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס אַ אִיד דַארְף זָאגְן יֶעדְן טָאג, עֶר דַארְף דַאוְונֶען, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי אַלֶע מִצְוֹת וָואס מֶען דַארְף זָאגְן מִיט דִי מוֹיל. וֶוען אַ אִיד זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, עֶר גֶעוואוֹינְט צוּ זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶוערְט זַיין מוֹיל אַזוֹי גֶעהֵיילִיגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט אִים נָאר רֶעדְן, וֶוערְט אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִיבּוּר שֶׁל צְדָקָה - דִי מוֹיל דַארְף מֶען אוֹיךְ נוּצְן אוֹיף צוּ טוּן דֶערְמִיט צְדָקָה. צוּמָאל קֶען מֶען טוּן אַסַאךְ מֶער אוּן גְרֶעסֶערֶע צְדָקוֹת בְּלוֹיז מִיטְ'ן מוֹיל, אַסַאךְ מֶער פוּן וִויפִיל מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן מִיט גֶעלְט. וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַ צְוֵוייטֶער אִיד אִיז צוּבְּרָאכְן, יֶענֶער גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריקֵייטְן; קֶען מֶען אַמָאל מִיט אֵיין גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶוען מַמָּשׁ יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן. מִיט גֶעלְט קֶען מֶען נִישְׁט אֵייבִּיג הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט אֵייבִּיג אִיז יֶענֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעם דָאס גֶעלְט וָואס פֶעלְט אִים, זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל קֶען עֶס זַיין אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶענֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעם אִיז טַאקֶע יָא אַז עֶס פֶעלְט אִים גֶעלְט, הָאט מֶען דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט צוּ קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן יֶעדְנְ'ס חוֹבוֹת. אָבֶּער מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֵיינֶע וֶוערְטֶער מִיט וָואס מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ צְוֵוייטְן, מֶען נֶעמְט יֶענֶעם אַרוֹיס פוּן זַיין עֶנְגְשַׁאפְט אוּן צוּקְלַאפְּטְקַייט, הָאט מֶען אִים פִיל מֶער גֶעהָאלְפְן וִוי מֶען וָואלְט אִים גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

וֶוען אַ אִיד נוּצְט אוֹיס זַיין מוֹיל וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט' עֶרֶךְ דִיבּוּר)

און די חתונות זענען פארגעקומען אין הויז אדער אין שול. און ווי ס'ווייזט זיך ארויס קומט יעצט צוריק די אמאליגע אידישע טעם פון א שמחה, וואס האט אלע חן אויף דער וועלט.

איינער האט געמאכט א חשבון אז אויב א נארמאלע באלעבאטישע חתונה קאסט ארום 80 טויזנט דאלער, און מ'טאנצט ביי די חתונה פאר ארום 80 מינוט, קומט אויס אז יעדע מינוט קאסט טויזנט דאלער... ס'איז נישט זיכער צי דער חשבון שטימט פונקטליך ביי יעדע חתונה, אבער דאס איז אמאל זיכער אז כמעט יעדער וואס האט שוין אמאל חתונה געמאכט האט געמוזט אנבארגן געלט עס צו קענען באצאלן, און געווענליך שטימט דארט בכלל נישט דער חשבון ווי אזוי עס וועט ווערן צוריק געצאלט.

צום פינפטן מאל האט זיך יעצט ארויסגעשטעלט אז דאס פעלט בכלל נישט אויס, מ'קען חתונה מאכן פאר ממש קליין געלט, און די חתונה נאכט דארף גארנישט צו קאסטן. און עס איז צום האפן אז די חתונות וועלן זיין א גוטער ביישפיל אויך פאר אנדערע אידן, וואס וועלן זיך צוכאפן צו דעם געדאנק, און קענען מאכן שמחות מתוך שמחה, אן קיין איבריגע דאגות, חובות און הארץ ווייטאג.

**ואת עמודיו חמשה וחשוקיהם זהב!**

***

## שיינער שידוך פון א תלמיד הישיבה

גרויס שמחה און פרייד הערשט ביי די בחורים אין ישיבה, וואס פרייען זיך מיט די שמחה פון נאך א חבר וואס איז א חתן געווארן למזל טוב. הבחור החשוב ישראל סאמעט נ"ו איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת הרה"ח מוה"ר דניאל בוים שליט"א. די שמחת ווארט/לחיים/תנאים איז פארגעקומען די וואך מיטוואך אין בית המדרש היכל הקודש אין בארא פארק.

דער חשובער חתן איז ברייט באקאנט מיט זיינע גרויסע פעולות אין הפצה, אויסער זיין התמדת התורה און מדות טובות, איז ער גאר שטארק אריינגעטון אין הפצה אויף פארשידענע אופנים, צו פארשפרייטן די לימודים און עצות פון הייליגן רבי'ן איבער די גאנצע וועלט, אריינצוברענגען אמונה אין אידישע קינדער, און מקרב זיין אידן לאביהם שבשמים. און ספעציעל העלפט ער ארויס גאר אסאך פאר די "חיזוק יומי המתורגם", איבערצוטייטשן די חיזוק און עצות פונעם ראש ישיבה שליט"א אויף פילע שפראכן, אז זיי זאלן קענען אנקומען צו יעדן איינעם אן אויסנאם.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין, אז דער שידוך זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל לשם ולתפארת, מיט אלע גוטע השפעות ברוחניות ובגשמיות.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

וֶועלְכֶע פְלֶעגְט גֵיין יֶעדֶע פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס צוּם שִׁיעוּר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס פְלֶעגְט גֶעבְּן, "אַמְּתִּינַת עַד דְּיִחֲסַל מִמִּדְרָשׁ", אֵיין וָואךְ הָאט דֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר אַרַיינְגֶעצוֹיגְן דִי שִׁיעוּר אַבִּיסְל שְׁפֶּעט אוּן דִי פְרוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זִי וֶועט אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר. "אָזְלָה לְבֵיתָהּ, אַשְׁכְּחָא בּוּצִינָא טָפֵי", וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טוּנְקְל אִין שְׁטוּבּ, דִי לִיכְט הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, "אֲמַר לָהּ בַּעְלָהּ, אָן הֲוֵית", וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען? "אָמְרָה לֵיהּ אֲנָא יָתִיבָא וְשָׁמְעָה קָלֵיהּ דָּרוֹשָׁה", הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּיים שִׁיעוּר פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר, "אֲמַר לָהּ כֵּן וְכֵן לָא אִעַיְּלַתְּ לְהָכָא עַד דַּאֲזַלְתְּ וְרוֹקַתְּ בְּאַנְפֵּי דָּרוֹשָׁה", אִיר מַאן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ כַּעְסָן, אַ לֵץ; הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ בִּיז וִוילַאנְג דוּ גֵייסְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם בַּעַל דַּרְשָׁן, אוּן עֶר הָאט פַארְמַאכְט דִי טִיר. "יְתִיבָא שַׁבַּתָּא קַמַּיְיתָא תִּנְיָנָא וּתְלִיתָא, אֲמָרִין לָהּ מְגֵירָתָא כַּדּוּ אַתּוּן צְהִיבִין, אֲתֵינָן עִמָּךְ לְגַבֵּי דָּרוֹשָׁה", דִי פְרוֹי אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אֵיידֶער מְבַזֶּה זַיין דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר', אוּן זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ חַבֶר'טֶע שְׁלָאפְן, אַזוֹי זֶענֶען אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צֶעטֵיילְט. "כֵּיוָן דְּחָמֵי יַתְהוֹן רַבִּי מֵאִיר צָפָה בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס הָאט דָאס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, "אֲמַר לְהוֹ אִית מִנְּכוֹן אִתְּתָא דְּחַכִּימָא לְמִלְחַשׁ בְּעֵינָא", הָאט עֶר אַרוֹיס גֶעלָאזְט אַ שְׁמוּעָה אַז זַיין אוֹיג טוּט אִים וֵויי, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶס בְּרֶענְט אִים, אוּן וֶוער עֶס קֶען לוֹחֵשׁ זַיין אוֹיף דֶעם זָאל קוּמֶען. [אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַזַא רְפוּאָה, אַז מֶען פְלֶעגְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן אוֹיג אוּן זָאגְן עֶפֶּעס וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן].

"אֲמָרִין לָהּ מְגֵירָתָא כַּדּוּ אַתְּ אָזְלַת וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּיהּ וְתִשְׁרֵי לְבַעֲלֵךְ", הָאבְּן דִי חַבֶר'טֶעס גֶעזָאגְט פַאר דִי פְרוֹי: גֵיי שְׁפֵּיי אַרַיין אִין רֶבִּי מֵאִיר'ס אוֹיג, אַזוֹי וֶועט דַיין מַאן מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִיר. "כֵּיוָן דְּיָתְבָא קַמֵּי אִידְחִילַת מִינֵיהּ, אֲמָרָה לֵיהּ רַבִּי לֵית אֲנָא חַכִּימָא לְמִילְחַשׁ עֵינָא, אֲמַר לָהּ אֲפִלּוּ הָכֵי רוֹקִי בְּאַנְפִּי שְׁבַע זִמְנִין וַאֲנָא מִינְשִׁים", אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען, אוּן רֶבִּי מֵאִיר פְרֶעגְט אִיר: דוּ קֶענְסְט לוֹחֵשׁ זַיין? הָאט זִי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז זִי קֶען נִישְׁט. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶעמָאלְט שְׁפֵּיי אַרַיין זִיבְּן מָאל אוֹיף מַיין פָּנִים, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ רְפוּאָה, "עָבְדָה הָכִין. אֲמַר לָהּ אִיזִילִי אִמְרִי לְבַעֲלִיךְ אַתְּ אֲמַרְתְּ חָדָא זִימְנָא וַאֲנָא רָקֵית שְׁבַע זִימְנִין", אוּן זִי הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: גֵיי אַהֵיים אוּן זָאג פַאר דַיין מַאן: דוּ הָאסְט מִיר גֶעהֵייסְן שְׁפֵּייעֶן אֵיינְמָאל, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּיגְן זִיבְּן מָאל.

"אָמְרוּ לוֹ תַּלְמִידָיו רַבִּי כָּךְ מְבַזִּין אֶת הַתּוֹרָה, לָא הֲוָה לָךְ לְמֵימַר לְחַד מִינָּן לְמִלְחַשׁ לָךְ", הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: אִיז דָאס כְּבוֹד הַתּוֹרָה? פַארְוָואס הָאט אוּנְז נִישְׁט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהֵייסְן זִי זָאל שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן רֶבִּי'ן, מִיר וָואלְטְן אִים מְסַדֵּר גֶעוֶוען עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגְן אַזוֹינְס צוּ טוּן?! "אֲמַר לְהוֹ לָא דַּיּוֹ לְמֵאִיר לִהְיוֹת שָׁוֶה לְקוֹנוֹ, דְּתָנֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גָּדוֹל שָׁלוֹם שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם בִּשְׁבִיל לְהָטִיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", הָאט רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין נָאמֶען אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז רֶבִּי מֵאִיר'ס נָאמֶען זָאל אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶוערְן אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; זֶעט מֶען וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז "דוּ הַאלְסְט שׁוֹין נָאךְ תְּפִילָה", אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אָן טְרַאכְטְן. וַוייל מֶען דַארְף אַ גַאנְץ לֶעבְּן דַאוְונֶען מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן ווִיסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן וַוייבּ; יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן פְרִישׁ כְּאִילוּ מֶען הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**



BreslevCenter.com\answers

# כָּאטְשׁ ״פוּן יֶעצְט״
# זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעהוֹיבֶּענֶער בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד, הרה״ח רֶבִּי יוֹנָה לֶעבְּל ז״ל, אִין זַיין חֲבוּרָה פְלֶעגְט מֶען זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן בַּיי חֲצוֹת, אוּן מֶען הָאט גֶעזָאגְט ׳תִּקּוּן חֲצוֹת׳ אִין מִירוֹן בַּיים קֶבֶר פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן וֶוען מֶען הָאט אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: יָא יָא! אִיךְ קוּם שׁוֹין! אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן. שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען אִים נָאכְאַמָאל אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעזָאגְט: מֶען דַאוֶוענְט שׁוֹין וָתִיקִין! הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט: יָא יָא! אִיךְ קוּם שׁוֹין! וְכוּ׳, הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען, אַז מֶען וֶועט צוּבִּינְדֶען אַ שְׁטְרִיק בַּיים פֶענְסְטֶער, אוּן מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן אַ צִי, אַזוֹי וֶועט עֶר שׁוֹין זִיכֶער אוֹיפְשְׁטֵיין, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: יָא יָא! אִיר קֶענְט שׁוֹין גֵיין, אִיךְ קוּם שׁוֹין! אָבֶער עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעשְׁלָאפְן, [עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק בַּיי דִי 44 יָאר], אוּן וֶוען עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין הָאט שׁוֹין דִי גַאנְצֶע חַבְרַיָא גֶעהַאלְטְן נָאכְן דַאוֶוענֶען, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען נָאכְן אָפְּרֶעכְטְן אַ הַאלְבֶּע נַאכְט מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וְכוּ׳.

פְלֶעגְט עֶר דַאן זָאגְן מִיט דֶעם לָשׁוֹן: וֶועט ׳יוֹנָה׳ כָּאטְשׁ ״פוּן יֶעצְט״ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם מַצָּב, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ. נָאר וואוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, זָאל עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן דָארְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַז מֶען גֵייט אַרְבֶּעטְן, קֶען מֶען דָארְט רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָדֶער רֶעדְן דָארְט מִיט וֶועם מֶען טְרֶעפְט זִיךְ פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט מֶען מִיר פוּן הִימְל דָא אַהֶער גֶעבְּרֶענְגְט.

(קוּנְטְרֵס ׳דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר׳)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~
## הערליכע פרייליכע חתונה אין היכל הבית המדרש

די וואך מאנטאג אוונט איז פארגעקומען א הערליכע פרייליכע חתונה אין אונזער בית המדרש אין וויליאמסבורג, די פינפטע אזא סארט חתונה וואס קומט פאר אין שול. עס איז געגאנגען אונטער די חופה הבה״ח לייבי הי״ו בן מו״ה אייזיק אפפעל הי״ו, מחשובי תלמידי הישיבה, עב״ג בת מו״ה יצחק קאפלאן הי״ו.

די חתונה האט זיך אנגעהויבן אום 5 אזייגער נאכמיטאג, ווען דער עולם האט זיך אנגעהויבן צוזאמצוקומען צום קבלת פנים, 6 אזייגער איז מען געגאנגען צו די חופה אין פארנט פון בית המדרש, ביי די לעצטע חתונה האט מען אהערגעשטעלט גאר א שיינע חופה, הערליך ארויפגענייעט מאמרים פון רבי׳ן ארום און ארום ווי ׳מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד׳ ׳קיין יאוש איז גארנישט פארהאנען׳ א.א.וו. ביי די חופה האבן די פעטערס פונעם חתן שיין געזינגען ווארעמע התעוררות ניגונים.

במשך די חופה זענען די בחורים פון ישיבה געווען פארנומען אין שול, זיי האבן אפגערוימט די קבלת פנים און צוגעגרייט די סעודה. ווען דער עולם איז אריינגעקומען אין שול נאך די חופה, איז שוין געווען שיין געגרייט די טישן, מיט בילקעס און געפילטע פיש מיט דיפס. ביי די זייט איז געווען צוגעגרייט פיינע הייסע עסנווארג, מיט וואס יעדער האט זיך געקענט אליין מחיה זיין כאוות נפשו.

די עסן ביי די חתונה איז צוגעשטעלט געווארן דורך די פרויען פון אנשי שלומינו, איינע די פיש, א צווייטע די קוגלען, א דריטע די דיפס און סאלאטן, און אזוי ווייטער. און די פליישן ווערט צוגעשטעלט דורך די "בית התבשיל" פון די קהלה, וואס זיי נעמען צוזאם די איבריגע מאכלים וואס בלייבט איבער לרחצה פון שמחה זאלן. און דאס אלעס ווערט צוגעשטעלט אין פלאסטיק געשיר פון די ישיבה.

ביי די חתונה איז נישט געווען קיין שום באצאלטע סארווירער אדער רוימער. ביי די מענער האבן די בחורים פון ישיבה צוגעגרייט און אראפגערוימט, און די זעלבע ביי פרויען האבן די מיידלעך פון די סקול געטוען די אלע ארבעט. און א פרוי פון אנשי שלומינו האבן גענומען די בילדער ביי די פרויען.

אום אכט אזייגער איז דער חתן אריינגעקומען, און די פרייליכע טענץ האבן זיך אנגעהויבן. פרייליכע מוזיק האט געשפילט, וואס איז געווען א פשוטער טעיפ אפגעכאפט פון אנדערע חתונות, און אין זאל האט געהערשט גאר א פרייליכע שטימונג, דער עולם האט געטאנצען און געהאפקעט מיט גרויס שמחה, געוויסע האבן געמאכט פארשידענע קונצן פרייליך צו מאכן, און אזוי ווייטער איז די טאנצן געווען אויף א גאר א פרייליכער פארנעם, און אום 9:45 האט זיך די מוזיק אפגעשטעלט און מ׳איז געגאנגען צום בענטשן.

נאכ׳ן בענטשן האט זיך אויפגעשטעלט דער "גראמער", דער שמש פון די קהלה, וואס האט אויסגערופן צום מצוה טאנץ מיט א שיינעם "יעמוד יעמוד", בלויז די זיידעס, די מחותנים, און צום לעצט די חתן כלה. יעדער פון זיי האט געטאנצן פאר עטליכע מינוט לקראת הכלה, און אום 10:40 איז די חתונה שוין געווארט פארטיג, און אויף עלף אזייגער זענען שוין די טישן און בענקלעך געווען צוריקגעשטעלט אויפ׳ן ארט, די שול האט מען שיין אויפגערוימט, ס׳זאל זיין גרייט פאר די בחורים וואס וועלן קומען מארגן אינדערפרי לערנען פלייסיג.

דער חידוש פון די חתונות איז שול איז ממש אומבאגרייפלעך, די גאנצע חתונה נאכט האט נישט געקאסט קיין איין פרוטה פאר די מחותנים, און פארשטייט זיך אז ווען די נאכט פון די חתונה איז אומזיסט, קען שוין נישט די איבריגע זאכן ארום און ארום קאסטן צופיל געלט, ווי מ׳האט גראדע געהערט פון די פעטערס ביי די יעצטיגע חתונה אז זיי האבן זיך נישט געקענט ערלויבן אויסצוגעבן צופיל געלט פאר קליידער, מאכן די האר, וכדומה, ווייל דעמאלט וואלט די חתונה זיי שוין געקאסט מער ווי פאר׳ן מחותן אליין...

די חתונה איז געווען באמת א שיינע פרייליכע חתונה, גארנישט ווייניגער ווי סיי וועלכע אנדערע חתונה, די איינציגסטע זאך וואס האט געפעלט ביי די חתונה איז נאר געווען די חובות... און נאכדערצו אז ס׳האט זיך געענדיגט אזוי פרי, א זאך וואס דערלייכטערט גאר שטארק פאר אלע קרובים און משפחה, וואס קענען אנהויבן דעם קומענדיגן טאג ווי געווענליך.

יעדער ווייסט די געפיל וואס מען האט אין מח ווען מ׳זעצט זיך אוועק ביי א חתונה נאכ׳ן בענטשן צום מצוה טאנץ, "יעצט גייט מען דארפן זיצן מיט געדולד און אויסהערן דעם גראמער פאר די קומענדיגע פאר שעה", קיינער אין זאל ווייסט נישט פארוואס דאס פעלט אויס, דער גראמער זינגט אפ זיינע שיינע גראמען און רומט אויס דעם עולם, אין די צייט וואס יעדער ווייסט אז דאס איז הוילע נארישקייטן, קיינער איז באמת נישט אינטערעסירט דערין. און ביי די חתונות אין שול, ווען דער עולם הערט דעם ׳יעמוד יעמוד׳ און נאך א האלבע מינוט שטעלט זיך שוין אויף דער ערשטער זיידע צו טאנצן, זעט זיך גאר שטארק אן דעם שמייכל און דערלייכטערונג אויף די פנימ׳ער פון די פארזאלמטע. און ביים אויסרופן דעם צווייטן זיידן האט דער עולם שוין געקענט דעם נוסח פונעם "יעמוד", און יעדער האט מיטגעברומט מיט א שמייכל אויפ׳ן פנים.

די חתונות אין שול איז באמת נישט קיין נייע זאך, פארקערט, די חתונות אין א זאל איז א נייע זאך. אינדערהיים האבן רוב אידן געוואוינט אין קליינע שטעטלעך, וואו ס׳איז בכלל נישט געווען קיין זאל,

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן ישראל סאמעט הי״ו**

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט בני חיי ומזוני רויחי, און דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה לייבי אפפעל הי״ו**

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב״ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט בני חיי ומזוני רויחי, און דורות ישרים ומבורכים

## זייטס מתפלל!

אידישע קינדער זענען מתפלל און בעטן דעם אייבערשטן אויף די גאנצע רפואה פון א חשובער בחור וואס איז נעבעך גאר שווער געשעדיגט געווארן אין א שרעקליכע עקסידענט

**יצחק בן אהובה שושנה**

**לרפואה שלימה בקרוב**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה חיים ברייער הי״ו**

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב״ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט בני חיי ומזוני רויחי, און דורות ישרים ומבורכים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך > 212-444-9191 /**
845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-414-8426 /212-444-9169 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**